בס"ד

דער בלעטל

# טיב הקהילה

## אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'
בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ
רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

**ויגש**

**ד' טבת תשפ"ה**


די צייטן לויט אופק ירושלים

**זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש**

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 4:13 |
| מוצש"ק | 5:28 |
| ר"ת | 6:06 |

**סוף זמן קריאת שמע ותפילה**

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:24 | סוז"ת א' | 9:30 |
| סוזק"ש ב' | 9:09 | סוז"ת ב' | 10:00 |

די צייטן לויט די ווינטער זייגער


גליון מס': קט"ז
שנה ג'


## טיב הפרשה

# העוד אבי חי

## די דביקות פון יוסף הצדיק אין זיין טאטע

אין די וואכעדיגע סדרה לערנען מיר ווי אזוי יוסף הצדיק האט זיך אנטדעקט פאר די שבטים אין מצרים. די תוה"ק דערציילט אונז איבער די ערשטע שאלה וואס יוסף הצדיק האט געפרעגט די שבטים נאכדעם וואס ער האט זיך אנטפלעקט פאר זיי. די ערשטע שאלה וואס ער האט געפרעגט איז געווען צי זיין פאטער יעקב אבינו לעבט נאך אדער נישט און ווי דער פסוק דרוקט זיך אויס: העוד אבי חי?

ווען מען וועט זיך מתבונן זיין אין די שאלה ווערט שווער די שאלה וואס יוסף הצדיק האט געפרעגט די שבטים. לענגאויס די גאנצע דין ודברים וואס ער האט גערעדט מיט זיינע ברודער האלטן זיי אין איין ארומרעדן איבער די טאטע, אז ר האט געזאגט אזוי און אזוי און אז מען וויל אים נישט מצער זיין.

פארוואס זאל איינפאלן פאר יוסף הצדיק אז זיין טאטע לעבט מער נישט? ווען ער וואלט נישט געלעבט וואלטן די שבטים נישט אזויפיל גערעדט פון זייער טאטע.

נאר עס קען זיין אז יוסף הצדיק האט געוואוסט אז זיין טאטע לעבט\ נאר ער האט געוואלט מרמז זיין פאר די שבטים א געוויסע נקודה פרעגנדיג די שאלה. מיט דעם האט יוסף הצדיק געוואלט מגלה זיין פאר די ברודער אז די אמאליגע חשיבות וואס דער טאטע האט געהאט ביי אים, זייענדיג א קינד עקזיסטירט נאך ביי אים ביז'ן היינטיגן טאג און אז דאס האט אים דערהאלטן אויפ'ן ריכטיגן וועג אלע יארן.

יוסף הצדיק האט ברוב צדקותו געוואוסט אז די שבטים וועלן זיך וואונדערן אויף אים ווי אזוי האט ער זיך געהאלטן שטארק אין מצרים אין אזא ערוות הארץ טראץ וואס עס איז אריבער אזויפיל יארן אין גלות ווען ער איז געווען ווייט אוועק פון זיי און דאס האט ער זיי געוואלט מגלה זיין אז ער האט זיך געהאלטן אין גלות ביי די יסודות און דאס האט ער זיי מגלה געווען מיט'ן זאגן די ווערטער 'העוד אבי חי'.

אין די זעלבע צייט האט ער זיי אויך געזאגט ווי אזוי ער האט זיך געהאלטן אין אזא שווערע צייט און אז דער באשטיין די נסיונות איז געקומען פון דעם טאטענס כח, ווייל די קדושה פון דעם טאטן איז אים אייביג געשטאנען פאר די אויגן.

ווען עס איז אים אונטערגעקומען א נסיון האט ער עס אפגעוואויגן דורך דעם טאטע טראכטנדיג איבער דער בליק וואס דער טאטע וואלט געהאט ביי אזא זאך, דער צוגאנג צו די זאך, צי וואלט ער זיך געפירט אזוי, אדער וואלט ער עס אפגעווארפן.

דורך דעם וואס ער איז געווען געבינדן צו דעם טאטן האט ער געהאט די קראפט צו בלייבן געבינדן אין די אמת'ע וועלט און זיך נישט פארבלאנדזשען אין די פאלשע וועלט נאכצוגיין די תאות


<<< | המשך אין עמוד ב' |


## טיב המערכת

# די מצוה פון 'תוכחה' – וויאזוי?

נישט איינמאל זעען מיר פאר אונזערע אויגן וויאזוי מענטשן ווערן חלילה נכשל אין פארשידענע איסורים, און מיר ווילן מקיים זיין די מצוה פון תוכחה, אבער אין די לעצטע מינוט האלטן מיר זיך צוריק פון עס מקיים זיין! פארוואס? פשוט ווייל מען האט מורא פונעם רעאקציע פון דער וואס איז דורכגעפאלן! ער וועט דאך אוודאי באליידיגט ווערן ווען מיר וועלן אים מוסר'ן, און ווער ווייסט צי ער וועט אונז פאלגן, און דעריבער בארעכטיגן מיר דאס וואס מיר האלטן זיך צוריק, מיט די טענה אז 'כְּשֵׁם שֶׁמִּצְוָה לוֹמַר דָּבָר הַנִּשְׁמָע כָּךְ מִצְוָה שֶׁלֹּא לוֹמַר דָּבָר שֶׁאֵינוֹ נִשְׁמָע'!

און כאטש יעדער וואס הערט דעם דאזיגן טענה וועט זאגן אז עס איז ריכטיג, פונדעסטוועגן לַאֲמִתּוֹ שֶׁל דָּבָר איז דא פארהאנען א גרויסע טעות, ווייל מיר קענען אים אוודאי יא מוכיח זיין, מיר דארפן נאר וויסן וויאזוי!

שלמה המלך זאגט 'אַל תּוֹכַח לֵץ פֶּן יִשְׂנָאֶךָּ הוֹכַח לְחָכָם וְיֶאֱהָבֶךָּ', און דער אלשיך הקדוש איז מבאר אז דאס מיינט 'אַל תּוֹכַח', טו נישט אויס'מוסר'ן דעם מענטש מיט שווערע רייד, און טו אים נישט באטיטלען אלץ א 'לֵץ' וועלנדיג אים אזוי מוסר'ן, פארוואס? 'פֶּן יִשְׂנָאֶךָּ'! וויבאלד דורכדעם וועט זיך ערוועקן אין אים א שנאה אויף דיר, און ער וועט אוודאי נישט וועלן אננעמען פון דיר די מוסר רייד. אויב אזוי, וואס איז די ריכטיגע וועג צו אויס'מוסר'ן א מענטש? דורכדעם וואס 'הוֹכַח לְחָכָם', דו וועסט אים זאגן אז ער איז א גרויסער חכם, און דערפון וועט ער פארשטיין אז עס פאסט נישט פאר איינער אזוי ווי אים צו טון אזא סארט זאך, און דורכדעם נישט נאר וועט ער אננעמען דיינע ווערטער, נאר אויך 'וְיֶאֱהָבֶךָּ' – ער וועט נאך צוגעבן ליבשאפט צו דיר, און ער וועט ווייטער וועלן הערן פון דיר ווערטער פון מוסר און תוכחה.

פון זיינע ווערטער זעען מיר, אז דער וואס וויל מוסר'ן זיין חבר, זאל דערנענטערן דעם מיינונג פון זיין חבר צו זיין אייגענעם מיינונג, דורכדעם וואס זיין תוכחה וועט זיין בדרך כבוד. און דאס איז וואס רבי אלעזר בן עזריה האט געזאגט: תְּמֵהַנִי אִם יֵשׁ בַּדּוֹר הַזֶּה שֶׁיּוֹדֵעַ לְהוֹכִיחַ. און די הייליגע רש"י איז מפרש: שֶׁיּוֹדֵעַ לְהוֹכִיחַ - דֶּרֶךְ כָּבוֹד, שֶׁלֹּא יְהוּ פָּנָיו מִשְׁתַּנִּין, ביז אהער פון רש"י.

און דאס איז די כוונה פון די תורה הקדושה אין אונזער פרשה, וואס הייבט אן די תוכחה פון יהודה צו יוסף מיטן לשון 'וַיִּגַּשׁ אֵלָיו יְהוּדָה', ווייל ווען יהודה האט געוואלט מוכיח זיין יוסף אויף זיינע מעשים, האט ער צום ערשט דערנענטערט זיין מיינונג צום מיינונג פון יוסף כדי זיינע ווערטער זאלן נתקבל ווערן עַל לִבּוֹ, און נאר נאכדעם האט ער זיך ערלויבט אים צו מוסר'ן בדרך כבוד זאגנדיג 'כִּי כָמוֹךָ כְּפַרְעֹה', און ווי רש"י איז מפרש חָשׁוּב אַתָּה בְּעֵינַי כְּפַרְעֹה, דאס הייסט אז דו ביסט דאך חשוב אזוי ווי א קעניג, אויב אזוי זענען די מעשים נישט פאסיג לויט דיין כבוד.

(עפ"י טיב התורה – ויגש)


**טיב ההודעות**

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות
פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער
אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320



יו"ר הוועדה הרוחנית: ר' יעקב רבינוביץ | עורך: ש. גולדשטיין

גשמיות און ווערן פארבלענדט נאך איר.

דער געדאנק ווערט אויך אראפגעברענגט אין די גמרא אין סוטה [דף לו ע"ב] און אויך רש"י ברענגט עס אראפ אויפ'ן ארט [לט יא] אז אין אלע זמנים האט ער געהאלט דער דמות דיוקנו פון זיין טאטע און געטראכט איבער דער חושן האבנים, ווי עס וועט שטיין אויסגעקריצט אלע נעמען פון זיין ברודער און זיין נאמען וועט נישט האבן דער קנין נצחי ווייל ער האט זיך געלאזט וואוילגיין חיי שעה און ווי עס איז דער לשון הרש"י: יוסף! עתידין אחיך שיכתבו על אבני אפוד ואתה ביניהם, רצונך שימחה שמך מביניהם.

דער אמת איז אז דער געדאנק איז אויך דא אין די תוה"ק ווען מען רעדט פון זיך האלטן אויפ'ן אלטן וועג. די תוה"ק זאגט אין דברים [לב.ו] שאל אביך ויגדך זקניך ויאמרו לך ווייל דאס איז דער בעסטער סגולה קעגן א איד, ער זאל זיך קענען דערהאלטן אין גלות די אלע יארן.

אין דער פסוק זעען מיר נאך א דערהער אין דעם געדאנק אז אויך ווען א איד איז נישט צוזאמען מיט זיינע אבות ווי אז ער געפינט זיך ווייט אוועק פון זיי און אויבנאויף האט ער נישט קיין שום פארבינדונג מיט זיי, דאך קען ער בלייבן אנגעבינדן אין זיי כל ימיו און שעפן חיות דקדושה פון זיי.

איך האב אמאל גערעדט מיט מיין טאטע זצ"ל איבער די נושא. כידוע האט מיין טאטע זצ"ל געהאט א שווערע לעבן. זיין טאטע איז אוועק ווען ער איז געווען א קליין קינד. איך האב אים אמאל געפרעגט ווי אזוי האט ער זיך געקענט האלטן די אלע יארן און נאך אויסשטייגן אזוי, האט ער מיר געגעבן דער ענטפער, זאגנדיג אז פון קינדווייז אן האט ער געהאלטן די געשטאלט פון זיין פאטער פאר זיינע אויגן.

זיין טאטע איז טאקע געווען יונג אבער ער איז געווען א חשובער איד און זיין גדלות איז געשטאנען כל ימיו פאר זיינע אויגן. ווען ער האט געהאט א ספק אין לעבן צי ער זאל זיך פירן אזוי צי אזוי האט ער גלייך געטראכט ווי אזוי וואלט דער טאטע געטון אין אזא פאל און זיך געפירט אזוי.

ער פלעגט זאגן אז אויך אויפ'ן חפץ חיים האט ער געהאט די זעלבע מחשבה. יעדע זאך וואס ער האט געטון אין לעבן האט ער געטראכט צו זיך ווי אזוי וואלט דער חפץ חיים געהאנדלט אין אזא פאל. האבנדיג דער מהלך פאר די אויגן האט ער געקענט אנגיין מיט זיין עבודה.

דער געדאנק איז א מחייב. עס לערנט אונז אויס אז ווען א מענטש האט א ספק אין זיין לעבן זאל ער זיך טראכטן צו זיך ווי אזוי דער און דער האט זיך געפירט, אדער ווי אזוי וואלט זיך זיין טאטע געפירט אין אזא פאל און זיך פירן אזוי און דאס וועט אים האלטן ביי אידישקייט.

זאל הקב"ה געבן אז מען זאל קענען לעבן אזוי און זיך מדבק זיין אין די וועגן און בלייבן אפגעהיטן אויך ווען מען איז אין א שווערע צושטאנד.

## טיב ההשגחה

## מעשיות אויף השגחה פרטית

געשריבן דורך לייענערס

# רצון יראיו יעשה א רייזע קיין ירושלים אינמיטן די נאכט

איך וואוין אין די שטאט בית שמש אבער פון צייט צו צייט ווען איך ארייינפארן קיין ירושלים עיה"ק צו ערלעדיגן דארט געוויסע זאכן. נאך אלעם איז ירושלים א גרעסערע צענטער, עס איז דא דארט מער געשעפטן און געוויסע זאכן וואס איז נישט דא אין בית שמש איז דא צוקויפן אין ירושלים.

איך בין א בחור, איך האב באגלייט מיין מאמע, ווען עס איז געווארן שפעט האב איך געטראכט צו דאווענען מעריב אין ירושלים עיה"ק און נאך דעם אהיימפארן קיין בית שמש, אבער מיין מאמע האט מיר געבעטן אז איך זאל איר באגלייטן.

רעכענענדיג אז אין בית שמש וועל איך נאך האבן א מנין מעריב בין איך אהיימגעפארן מיט מיין מאמע קיין בית שמש. אנקומענדיג קיין בית שמש האב איך אנטדעקט אז איך האב פארפאסט די לעצטע מנין אין די שטאט.

איך האב געטראכט אז איך גיי דאווענען ביחידות אבער דאן האב איך געטראכט אז זינט די בר מצוה בין איך מקפיד צו דאווענען מיט מנין פארוואס זאל איך עס יעצט פארפעלן, איך האב באשלאסן אז אין ירושלים איז דא מניני מעריב ביז גאר שפעט, איך וועל ארייינפארן קיין ירושלים עיה"ק און נאך דעם צוריק אהיימקומען.

איך האב נישט קיין קאר, קיין טראנספארטאציע איז שוין נישט דא אין אזא שפעטע שעה, איך האב באשלאסן אז איך גיי זוכן צו נעמען א היטש, איך האב זיך ארויסגעשטעלט אויפ'ן גאס צו טרעפפן א היטש.

עס איז אריבער א לאנגער צייט ביז ווען איך האב געטראפן איינעם. זיצנדיג ביי יענער אין דער קאר האט יענער געהערט פארוואס איך פאר אריין זיך געגעבן א רוף אן אז יעצט פארשטייט ער שוין אלעס.

ומעשה שהיה אז ער וואוינט אין ירושלים עיה"ק, ער איז געווען דא אין בית שמש צוליב אן ענין, ער איז שוין געווען אויפ'ן שאסיי ווען א איד האט אים געקלינגען פרעגנדיג צי ער קען צוריקקומען ווייל ער דארף דרינגעד זיין אין ירושלים עיה"ק.

איך בין צוריקגעפארן א שטיק וועג, איך בין געווען זיכער אז דאס איז צונעמען דעם איד, אבער יעצט זע איך אז עס איז געווען וועגן דיר - אז איך זאל דיר קענען נעמען דאווענען מעריב.

איך האב געזען בחוש ווי דער פסוק פון 'רצון יראיו' אז א איד דרוקט נאר אויס זיין רצון ווערן זאכן מקויים, אויך ווען עס זעט אויס אז עס איז אוממעגליך אז דאס זאל געשען, ווי עס איז געווען ביי מיין פאל, אז איך בין געווען זיכער אז איך וועל נישט טרעפן א וועג קיין ירושלים אין אזא שפעטע שעה, אבער ענדע האב איך יא געטראפן א וועג אהיים.

[דערציילט דורך דער בעל המעשה: י.ר.]




די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים
מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה
סמואלס אין פקס: 15326517922

# טיב המעשיות

## וְנַפְשׁוֹ קְשׁוּרָה בְנַפְשׁוֹ

**"וְעַתָּה כְּבֹאִי אֶל אָבִי וְהַנַּעַר אֵינֶנּוּ אִתָּנוּ, וְנַפְשׁוֹ קְשׁוּרָה בְנַפְשׁוֹ"** מד, ל

עס איז ידוע דער רמז וואס ווערט געברענגט אין די הייליגע ספרים אויף דעם פסוק, על דרך החינוך, ווי פאלגנד.

**'וְעַתָּה כְּבֹאִי אֶל אָבִי'**, אז ווען מען וועט קומען צום טאטן אין הימל, נאך די הונדערט און צוואנציג יאר, **'וְהַנַּעַר אֵינֶנּוּ אִתָּנוּ'**, דאס מיינט מען די יונגע קינדערלעך, די תינוקות של בית רבן, וואס מיר זענען מחויב זיי צו מחנך זיין עַל דֶּרֶךְ הַיָּשָׁר, און אויב חלילה דער אינגל גייט נישט מיט אונז אויפן וועג פון די תורה און מצוות, ליגט דאך די גאנצע פַאראַנְטְוָוארְטְלִיכְקֵייט אויף אונזערע אקסלען!

און דער פסוק ערקלערט די סיבה פארוואס מיר זענען מחויב דערמיט, דאס איז וויבאלד: **"וְנַפְשׁוֹ קְשׁוּרָה בְנַפְשׁוֹ"**, דער נפש פונעם אינגל איז אנגעקניפט אינעם נפש פון זיין טאטן, און שטענדיג לעכצט ער און קוקט ארויס צו די נאנטקייט פון זיין טאטע און צו זיין ליבשאפט צו אים, און זיין גאנצע פאָרעם פון לעבן שטעלט ער אויס לויט וואס ער האט זיך געלערנט און געזען ביי זיין טאטן. און דעריבער איז דער מענטש אנגעגרייט אפצוגעבן דין וחשבון אויב די קינדער זענען נישט ממשיך אויף זיין וועג צום טאטן אין הימל.

אויפן זעלבן וועג זענען זיי מפרש דעם געשריי פון יהודה וואס שטייט ווייטער אין פסוק (שם פסוק לד): **"כִּי אֵיךְ אֶעֱלֶה אֶל אָבִי וְהַנַּעַר אֵינֶנּוּ אִתִּי"**. – וויאזוי וועל איך ארויפגיין צו מיין טאטע אין הימל, אויב דער אינגל איז נישט 'אתי', צוזאמען מיט מיר, וויאזוי קען איך חלילה מפקיר זיין די בְּנֵי הַנְּעוּרִים, די לעכטיגע יוּנְגְוַוארְג?!

->•<-

די ערליכע פראכטפולע זאל וואס געפינט זיך אין איינס פון די תלמוד תורה'ס אין **ירושלים עיר הקודש** האט געטומלט און גע'רעש'ט, ווען די פרייליכע אטמאספער איז שטארק קענטליך אויף אלע אנוועזנדע. – דא קומט פאָר די פרעכטיגע פייערונג פון די יונגע **"חומש-סעודה" חתנים** וואס ווערט אפגעראכטן יאר־יערליך אויף א ערליכן פארנעם, ווי דאס איז ב"ה וואונדערליך איינגעפירט געווארן לעצטנס דאס אפצוהאלטן דורך א ערליכן פייערונג און מיט א גרויסן פאראד.

איינער פון די רבנים פון ירושלים עיה"ק וועלכער איז געלאדנט געווארן זיך צו באטייליגן ביי די שמחה און לאזן הערן זיינע ווערטער, לרגל די שמחה פון זיין אייניקל וועלכער איז געווען צווישן די חתנים פון די שמחה, איז אנגעקומען צום זאל אין באגלייטונג פון זיין פריוואטן דרייווער. – אט דער דרייווער איז געווען איינער פון די בחורים וועמען מען קען ליידער טרעפן איבער די גאסן, נאכדעם וואס ער האט פארלאזט די ישיבה, אזא צדיק וואס ווערט אנגערופן היינטיגע צייטן א "נושר", רחמנא ליצלן. דער חשוב'ער רב דער צדיק האט אים געדינגען אז ער זאל אים פירן מיט זיין אויטא צו וואו ער וועט דארפן, וועלנדיג אים מקרב זיין צו אידישקייט אזוי פארנדיג מיט אים.

ווען דער ערליכער מעמד האט זיך געענדיגט, באגלייט מיט גרויס הצלחה און סייעתא דשמיא, און דער רב האט זיך ארויסגעלאזט צו די אויטא וועלנדיג צוריק אהיימפארן, זעט ער ווי דער דרייווער – דער בחור – איז זייער צושטורעמט און באגייסטערט, אז ער האט כמעט אויסגעבראכן אין א געוויין. האט דער רב געפרעגט דער בחור מיט גרויס ליבשאפט, צי מעגליך פילט ער זיך נישט גוט, און פארוואס איז ער אזוי באגייסטערט?

האט דער בחור געזאגט: ברוך השם, איך פיל זיך זייער גוט, און מען גייט שוין ארויספארן, נאר איך בין זייער באגייסטערט זעענדיג די לעכטיגע חתנים, די טייערע לויטערע קינדער, וואס זייער געזיכט געבט ארויס אזא הייליגקייט און דערהויבנקייט. און ווען איך האב געזען ווי דער אייניקל פונעם רב איז צוגעגאנגען נעמען זיין חומש מיטן גלאנציגן קרוין אויף זיין קאפ, מיטן ערליכן בא'חנ'טן שמייכל אויף זיינע ליפן, האט זיך מיין הארץ ערוועקט אין מיר, און איך האב געטראכט צו זיך, אז אויב מען וואלט אויך פאר מיר געמאכט אזא "חומש סעודה", וואלט איך נישט אנגעקומען דארט וואו איך בין אנגעקומען... וויבאלד עס וואלט אריינגעדרינגען אין מיר שטארקע אהבת תורה ויראת שמים אן קיין גרעניץ!

אט די מעשה איז **לְלַמֵּד עַל הַכְּלָל כֻּלּוֹ יָצָא**, אז מיר זאלן זיך לערנען דערפון, ווי וויכטיג איז דאס אפרעכטן א **"חומש-סעודה"** מסיבה פאר די לעכטיגע קינדערלעך פונעם תלמוד תורה. אזוי אויך די אנדערע מסיבות וואס מען איז משקיע און מען אינוועסטירט גרויסע כוחות פאר די לעכטיגע תינוקות של בית רבן, צי עס איז לכבוד א **'סיום מסכתא'** אדער אנדערע מעמדים וואס זענען איינגעפירט היינטיגע צייטן אין די תלמוד תורה'ס, אז מען זאל עס אפרעכטן מיטן שענסטן פראכט, כדי אריינצוברענגען אהבת תורה אין די הערצער פון די תלמידים.

->•<-

א שיינעם מנהג איז איינגעפירט ביי איינס פון די מיוחס'דיגע און חשוב'ע משפחות אין ירושלים עיר הקודש, אז יעדן וואך אום **ליל שישי** נעמען זיך צוזאם אלע בני המשפחה און מען לערנט צוזאמען. דער אֲבִי הַמִּשְׁפָּחָה, וועלכער איז א גרויסער תלמיד חכם און איז זייער פארשטענדליך און קלוג, געבט איבער א טיפן שיעור מיט די חכמה וואס איז אפגעהיטן ביי אים, בלויז פאר די בני המשפחה.

דורכאויס די יארן, איז אט דער 'ליל שישי' פארוואנדלט געווארן אלס א וועכנטליכער משפחה צוזאמטרעף, און איז אסאך מער ווי א געוויינליכער שיעור. די מאמע גרייט אן א ספעציעלן **טשאלנט** פאר ליל שישי... און יעדער זאך וואס די קינדער דארפן האבן פון זייערע עלטערן, צי עס איז א גוטע עצה אדער א גוטן מאכל פאר שבת קודש, אדער מען דארף האבן אביסל מזומנים... אזוי אויך ווען מען דארף האבן עפעס פון איינער פון די ברידער אדער שוואגערס, ווערט אלעס געטון ביים 'ליל שישי' צוזאמטרעף...

אט דער אבי המשפחה האט געהאט א נאנטן קשר מיט א בחור'ל אין ירושלים, וועלכער איז ליידער אוועקגעגאנגען פון וועג, און טראצדעם וואס זיין טאטע איז א חשוב'ער רב און באוואוסטער ראש ישיבה, האט דאס אבער נישט געהאלפן פאר זיין זון, וועלכער איז ארויסגעגאנגען לְתַרְבּוּת רָעָה און האט אפגעלאדנט פון זיך דעם עול תורה און עול מצוות, רחמנא ליצלן, און צוליב זיין מצב האט ער וועגן א געוויסער ענין געמאכט קשר מיטן הויז פון דעם אויבנדערמאנטן תלמיד חכם.

א שטיק צייט שפעטער, ווען ער איז שוין געווארן ווי א בן-בית ביי די משפחה, און זעענדיג פון דער נאנט וויאזוי דער ערליכער "ליל שישי" צוזאמקום ווערט געפראוועט יעדן וואך, און ווי די בני המשפחה זענען אויף קיין פאל נישט מוותר אויפן שיעור, און וויפילווארימקייט און ליבשאפט זיין באקומען דערפון. האט ער זיך אויסגעדרוקט פארן אבי המשפחה און געזאגט: גלייב מיר, אז אויב מיין טאטע וואלט מיר מקרב געווען אזוי, און איך וואלט געפילט אט די ערליכע און אנגענעמע ווארימקייט ביי מיינע עלטערן אינדערהיים, וואלט איך נישט געפילט א דרוק צו פארלאזן דאס אידישקייט...

האט מען אויסגעפינען, אז דער טאטע פון דער בחור'ל איז פארנומען ביז איבערן קאפ מיט די גרויסע ישיבה וואס ער פירט, סיי מיטן איבערגעבן שיעורים כסדר, און סיי מיטן עול פון אויפהאלטן די ישיבה און אזוי ווייטער, און אויך וויילט ער אסאך אין אויסלאנד. און פון זיין גרויס איבערגעגעבנקייט פאר די הצלחה פון זיין ישיבה, האט ער פארגעסן אז ער דארף אויך גיסן ליבשאפט און ווארימקייט פאר זיינע אייגענע קינדער... און אזוי האט ער זיך פלוצלונג געטראפן ווי ער פארלירט זיין זון, וועלכער האט זיך דערווייטערט פון אים אלץ מער און מער, אנדעם וואס זיין טאטע דער חשוב'ער ראש ישיבה זאל באמערקן און פילן אז ער דערווייטערט זיך...

**נורא ואיום! וְהַמֵּבִין יָבִין אויף ווי ווייט דער זאך גייט!**

->•<-

און מֵעִנְיָן לְעִנְיָן בְּאוֹתוֹ עִנְיָן, איז דא אַן ערשיינונג וואס טרעפט זיך מער ביי די איינגעהאלטענע און שטילע מענטשן, וועלכע האבן א נְטִיָּה צו באהאלטן זייער ערליכקייט פון די אויגן פון מענטשן, און אויסערליך פירן זיי זיך אויף ווי גאר פשוט'ע מענטשן. – דארף מען אבער וויסן, אז כאטש אזא הנהגה איז זייער גוט צווישן מענטשן, ווען מען געפינט זיך אינדרויסן, אדער אין בית המדרש א.ד.ג. איז אבער נישט ריכטיג זיך אזוי צו פירן ווען מען געפינט זיך ביי זיך אינדערהיים, וויבאלד די קינדער דארפן זען א מוסטער פון יראת שמים ביי זייער טאטע, און מען דארף נישט באהאלטן פון די קינדער דעם אמת אז מען דארף מורא האבן און ציטערן פונעם גרויסן באשעפער און פון זיינע הייליגע תורה, און אים ליבהאבן און זיין איבערגעגעבן פאר אים מיטן גאנצן הארץ און זעל.

איך האב געקענט אין ירושלים א חשוב'ער תלמיד חכם, וועלכער איז געווען

| המשך אין עמוד ד' |>

אַן אָדָם גָּדוֹל און אִישׁ מוּרָם מֵעָם, וואס אלע זיינע קינדער זענען ארויסגעקומען בכבוד'יגע בעלי בתים, פירנדיג פארצווייגטע געשעפטן אין אלע סארט געביטן [תחומים], אבער קיין איינער פון זיי איז נישט אויסגעשטיגן אין תורה. דאס איז געווען א גרויסער פלא, אז אזא תלמיד חכם ווי ער, א גַּבְרָא רַבָּא און בַּר־אוּרְיָן, זאלן זיינע אלע קינדער אפלאזן דעם עֵסֶק הַתּוֹרָה, און אפילו איינער פון זיי איז נישט געבליבן ביים לערנען. – אבער מיט די צייט בין איך געוואויר געווארן, אז מיט זיין געוואלדיגע איינגעהאלטנקייט און ענוה, האט ער זיך באהאלטן אויך פון די אויגן פון זיינע קינדער, וועלכע האבן נישט געזען ביי אים אינדערהיים קיין שום ספעציעלע אהבה צו די הייליגע תורה, און א מורא און ציטערניש פון ביטול תורה א.ד.ג., וויבאלד ער האט זיך אויפגעפירט אינדערהיים ווי אַן אִישׁ פָּשׁוּט בְּתַכְלִית, און זיינע קינדער האבן גארנישט געזען פון זיין גרויסקייט.

כדי דאס בעסער צו ערקלערן, האט מיר איינער פון זיינע קינדער דערציילט, אז ער געדענקט נאך פון אלץ קינד, אז איינמאל אין די טעג פון נאך פסח האט מען געפינען אינדערהיים, אין די טיפעניש פונעם פריזער, עטליכע פעקלעך פון 'פסח'דיגע מעל', און ווען מען האט מברר געווען ווער עס האט עס דארט אריינגעלייגט, האט מען אויסגעפינען אז דער טאטע האט עס דארט באהאלטן פאר זיך, כדי צו מאכן דערפון ברויט נאך פסח אלץ חשש פון 'חדש'... ער האט עס אבער זייער שטארק באהאלטן, און האט גארנישט פארציילט פאר זיינע קינדער פון זיין יראה און חומרות. – דעריבער איז פשוט, אז ווען די קינדער זענען אויסגעוואקסן אין אזא שטוב, וואו מען זעט נישט קיין שום ספעציעלע שעצונג און ליבשאפט צו תורה און יראת שמים, זענען זיי דארט נישט אויסגעוואקסן קיין תלמידי חכמים.

דורשי רשומות האבן געזאגט אויפן פסוק (דברים כט, כח): "הַנִּסְתָּרֹת לַה' אֱלֹקֵינוּ וְהַנִּגְלֹת לָנוּ וּלְבָנֵינוּ עַד עוֹלָם, לַעֲשׂוֹת אֶת כָּל דִּבְרֵי הַתּוֹרָה הַזֹּאת". – אז דער ענין פון זיך באהאלטן אין עבודת השי"ת, זאל נאר זיין 'לַה' אֱלֹקֵינוּ', צווישן דעם מענטשן און דעם אויבערשטן. אבער 'לָנוּ וּלְבָנֵינוּ' זאל מען דינען דעם אויבערשטן אויף א שטייגער פון נִגְלוֹת, צו ווייזן און מחנך זיין די קינדער צו גיין אויף די ריכטיגע וועג מיט יראת שמים, כדי זיי זאלן זיך אויך אויסלערנען "לַעֲשׂוֹת אֶת כָּל דִּבְרֵי הַתּוֹרָה הַזֹּאת".

און דאס איז וואס משה **רבינו** ע"ה רופט אויס און זאגט (שמות י, ט): "בִּנְעָרֵינוּ וּבִזְקֵנֵינוּ נֵלֵךְ, בְּבָנֵינוּ וּבִבְנוֹתֵנוּ וכו'", אויך די קליינע קינדער און אפילו די פיצלעך קינדער וועלן מיטקומען מיט אונז , כדי זיי זאלן זען און זיך אויסלערנען און ארויסנעמען א מוסר וויאזוי צו דינען דעם אויבערשטן. – אבער פַּרְעֹה וואס ער איז דער יצר הרע זאגט (שם יא): "לֹא כֵן, לְכוּ נָא הַגְּבָרִים וְעִבְדוּ אֶת ה', כִּי אֹתָהּ אַתֶּם מְבַקְשִׁים", פארוואס דארפט איר ווייזן און אנטפלעקן אלע עִנְיְנֵי הָעֲבוֹדָה אויך פאר די קינדער און פאר די קליינע קינדער.

**דעריבער, אין אלע מעשים זאלן מיר זען אלעס דורכצוטראכטן מיט קלוגשאפט און שכל, און אויסלערנען די קינדער מיט א קלארע און זעבארע וועג אין עבודת השי"ת ויראתו, און מיט ליבשאפט צו די תורה אין אלע צייטן.**

->•<-

עס האט מיר דערציילט אַן איש נאמן, אז ער האט געהערט פון די קינדער פון **דער באוואוסטער גאון רבי משה פיינשטיין זצ"ל**, עטליכע שיינע הנהגות וואס זייער טאטע דער צדיק האט זיך אזוי געפירט:

**ערשטנס**, אז יעדן שבת קודש, כאטש ער האט געהאט חשוב'ע געסט וואס זענען געזעצן ביי זיין טיש, האט ער געזעצט זיינע קינדער נעבן אים, און האט זיי נישט דערווייטערט פון זיך צום אנדערן עק טיש, און ער האט געוויזן אן אנגענעמע ליבשאפט צו זיינע קינדער דורכאויס די גאנצע סעודה, כדי זיי זאלן נישט מיינען אז זיי זענען נישט חשוב ביי אים.

**צווייטנס**, ווען עס איז געווען א קאלטן אינדערפרי, האט ער אנגעווארימט די קליידער פון די קינדער אויפן אויוון, און דערנאך וואס ער האט מיט אנגענעמקייט און רואיגקייט אויפגעוועקט די קינדער פון זייער שלאף, האט ער זיי דערלאנגט די קליידער זייענדיג ווארים און געשמאק, כדי זיי זאלן שפירן די ווארימקייט און געשמאק ביים אנהייב פון זייער טאג.

**דריטנס**, ווען די בני המשפחה זענען געפארן אין די זומער חדשים זיך אפצורוען אויף די בערג, אזוי ווי עס איז איינגעפירט אין אמעריקע צוליב די גרויסע היץ וואס הערשט אין שטאט, און צומאל פלעגט מען ברענגען צום דערפל עטליכע שפיל איינריכטונגען פאר די קינדער זיך צו שפילן, אדער אן אייזל צו רייטן דערויף, א.ד.ג. – פלעגט רבי משה ארויסגיין בכבודו ובעצמו מיט זיינע קינדער, און ווארטן מיט זיי אין די רייע... כדי זיי זאלן אויך אביסל הנאה האבן. און פון דעם אלעם האבן זיי געהאט א געוואלדיגע אהבה צו זייער טאטע, זעענדיג אז ער האט זיי אמת'דיג ליב, און איז משקיע פון זיין גאר טייערע צייט פאר זייערטוועגן.

מען זאל איינפלאנצן אינעם קינד דאס געפיל אז מען האט אים זייער שטארק ליב מיט אן אנטפלעקטע ליבשאפט וואס איז נישט אנגעהאנגען אין עפעס א זאך, און אז עס גייט אונז אמת'דיג אן פון אים, און דעריבער זענען מיר אים מחנך און מיר זאגן אים באמערקונגען [הערות] ווען עס פעלט אויס. און נישט אז דער קינד זאל באקומען דעם געפיל אז מען געבט אים א גאנצן צייט באפעלן און פאַראָרדענונגען, און נאר אויב ער פאלגט נישט טוט מען אים אויפמערקן דערויף און אים דערנידערן חלילה.

->•<-

עס איז אמאל געווען א מעשה, אז א חשוב'ער תלמיד חכם האט געפרעגט דעם הייליגן **גאון רבי עקיבא אייגער זצוק"ל**, איבער א געוויסער מעשה וואס ווערט געברענגט אין די ספרים אין נאמען פונעם 'מדרש', און כאטש ער זוכט עס שוין א לאנגער צייט, האט ער נישט געפינען דער מקור דערפון.

האט אים רבי עקיבא אייגער געזאגט אז ער האט דעם ספר, אבער עס געפינט זיך אויף גאר א הויכער פאליצע וואס איז נאנט צום דאך, און עס איז אים שווער ארויפצוקריכן דארט, און האט אים געבעטן אז ער זאל ביטע מוחל זיין און ארויפגיין אויפן לייטער און אראפברענגען דעם ספר פון דארט.

ווען ער איז ארויפגעגאנגען אויפן לייטער, האט אים רבי עקיבא אייגער געוויזן וועלכן ספר ער זאל ברענגען, און ווען ער האט אראפגעברענגט דעם ספר, וואו פארוואונדערט איז ער געווארן זעענדיג אז דאס איז א "**צאינה וראינה**", וואו עס ווערן געברענגט פארשידענע מדרשים לויטן סדר הפרשיות. [א ספר וואס איז צוזאמגעשטעלט געווארן מיט הונדערטער יארן צוריק, פאר פרויען, וואו עס איז צוזאמגעקליבן מדרשי חכמינו ז"ל. אין אריגינאל איז דער ספר געשריבן געווארן אין אידיש, און אזוי עס איז געדרוקט געווארן דורכאויס אלע דורות, און אין אונזער צייט איז דער ספר איבערגעטייטשט געווארן אויך אין לשון הקודש].

האט זיך דער תלמיד חכם געוואונדערט, לייענט דען רבי עקיבא אייגער אינעם 'צאינה וראינה'? – האט רבי עקיבא אייגער אים געגעבן צו פארשטיין, אז ער געדענקט נאך דעם ספר און דעם מדרש זייענדיג נאך א גאר יונג קינד, און ווען זיין מאמע די צדקנית ע"ה האט אים געגעבן צו עסן, פלעגט זי פאַרליינען פונעם ספר וואס איז געווען באליבט אויף איר, דעם 'צאינה וראינה'. און פון זיין גרויס דארשט און לעכצעניש צו יעדן ווארט פון די הייליגע תורה, האט ער צוגעלייגט זיין אויער און זיך צוגעהערט צו יעדע ווארט וואס זיין מאמע האט געליינט, און אין זיין מח און מיט זיין געוואלדיגן זכרון האט ער אפגעהיטן יעדן ווארט וואס ער האט געהערט [כאטש ער איז נאך געווען זייער יונג, און ער האט נאכנישט געקענט אליין עסן!], און פון דעמאלטס געדענקט ער נאך אלעס וואס זי האט פאַרגעליינט פאר אים!

[**זע משנה ברורה** (סימן רפ"ה ס"ק ה', בשם אליה רבא) אז ווער עס פארשטייט נישט דעם פירוש פון רש"י און דער תרגום, זאל ער לייענען אין דעם אויבנדערמאנטן ספר, דעם **צאינה וראינה** כדי מקיים צו זיין דערמיט די מצוה פון 'שנים מקרא ואחד תרגום', זע דארט].

**פון אט דעם מעשה לערנען מיר ארויס, וויפיל די פריערדיגע דורות האבן משקיע געווען אין זייערע קינדער, אויף אזוי ווייט אז די חשוב'ע מאמעס די צדקניות האבן אויסגענוצט די צייט וואס מען געבט צו עסן פאר די קליינע קינדער, כדי צו איינווארצלען אין זיי מוסר און יראת שמים. – און עס איז נישט קיין וואונדער אז זייערע קינדער זענען אויסגעוואקסן צדיקי עולם און גדולי הדור!**

מוקד הזמנות ספרים
של הגה"צ רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א
קו ההזמנות של מכון טיב 0733-22-76-09
טלפון אחד והספר אצלך
ללא עלות דמי משלוח
מכון טיב

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד' | רח' ישעיהו 7 ירושלים טל: 078-3331109 05276-10455 | shivti11@gmail.com

יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.
Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173